מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון עג - שמות תשפ"א •

## פרשת שמות

### די יודען זענען מאמינים בני מאמינים

אין פרשת שמות טרעפט מען א מורא'דיגע זאך, כביכול הקב"ה זאגט פאר משה רבינו, כ'בעט דיר 'גיי קיין מצרים', 'גיי צו פרעה', 'נעם ארויס כלל ישראל', און אזוי אפאר טעג, און ער פרעגט שאלות פארן אייבערשטן, אויב זיי פרעגן מה שמו וואס זאל איך ענטפערן, "ס'טוהט זיך א לאנגע געשפרעך מיטן אייבערשטן און משה רבינו".

משה רבינו געבעט א זאג [קאפיטל ד' פסוק א'] 'וירא משה ויאמר והן לא יאמינו לי ולא ישמעו בקולי', ס'דא א מורא'דיגע מדרש, מ'וועט אנרירן איין נקודה, די מדרש זאגט דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו 'דו זאגסט והן לא יאמינו לי?! זיי זענען מאמינים בני מאמינים, און ס'דא א המשך צו די מדרש, מ'וועט זיך אבער אוועק שטעלן אויף די זאך.

### דער עצם איד איז א שטיק אמונה

ס'איז מבואר אין ספרי חסידים וואס מיינט דאס מאמינים בני מאמינים? אז א איד האט אמונה בשורש, "ער האט אמונה" און זיין אמונה שיינט, איי משה רבינו ע"ה רופט זיך אהן דעם פסוק? ווייל ער האט געזעהן זיי געפינען זיך אין אזא חושך, ס'שיינט נישט ארויס בכלל זייערע אמונה, האט איהם די אייבערשטער גע'ענטפערט, ריכטיג, "אבער דעם עצם פון דעם איד איז א שטיק אמונה", אזוי ווי מ'טרעפט אין תרגום יונתן ביי איינע פון די פסוקים וואס די אידן האבן געשריגן צום אייבערשטן, זאגט דער תרגם יונתן אז יעדער איינער פון זיי האט תשובה געטוהן אין הארץ, און איינער האט נישט געוואוסט פון דעם צווייטן, זאגן די ספרי חסידים, אז זיי אליין האבן נישט געוואוסט ווי שטארק די תשובה דערגרייכט, איז די טייטש אז א מענטש קען האבן א זאך און ער אליין זאל נישט מכיר זיין אין די זאך, אודאי א צווייטער זאל נישט מכיר זיין אין די זאך, אזוי איז דא געוועהן די געשפרעך פון משה רבינו מיט'ן אייבערשטן.

פארוואס איז די רבי אזוי מקרב, אזעלכע שוואכע אידן ס'איז ידוע די מעשה, ס'געוועהן עפעס א רבי וואס האט זייער מקרב געוועהן אידן, אפילו שוואכע אידן, איז געוועהן איינער א חסיד וואס איז געקומען פרעגן פאר'ן רבי'ן פארוואס איז די רבי מקרב אזעלכע קאלטע אידן? אזעלכע גאנץ פשוטע אידן איז די רבי אזוי מקרב, אזעלכע שוואכע אידן איז די רבי מקרב? דער זעלבער חסיד איז געוועהן א גרויסע סוחר פון דיאמאנטן, זאגט איהם די רבי, דו קענסט מיר טוהן א טובה? ברענג מיר אריבער דיינע סחורה איך וויל זעהן די שטיינער, ווייז מיר וואס דו פארקויפסט, אזוי ווי ער הערט די רבי רופט איהם! קומט ער גלייך אריבער מיט א גאנצע רענצל, ס'איז מסודר'דיג אלע שטיינער, און די רבי הייבט איהם אן פרעגן פרייזן, זאגט ער, דאס קאסט פופציג טויזנט, דאס קאסט אזוי פיל, דאס איז אזוי פיל, דאס איז מורא'דיג טייער, דער שטיין איז א ביליגער שטיין, דאס קאסט דריי טויזנט, דאס קאסט פינעף הונדערט, געבט איהם די רבי א זאג, 'איך פארשטיי נישט, אלע שטיינער זעהט מיר אויס די זעלבע, איך זעה בכלל נישט קיין חילוק צווישן די שטיינער, נאך מער, וואס זאגסטו, דאס איז פון פינעף הונדערט? איך מיין אז דאס איז די פופציג טויזנט, איך מיין אז דאס איז דאס!"

### אויף שטיינער דארף מען זיין א מבין

ענטפערט ער פארן רבין, די רבי זאל וויסן, אויף שטיינער דארף מען זיין א מבין, ס'איז א געלערנטע פאך, מ'דארף פארשטיין אין די שטיינער, ווען מ'פארשטייט ווייסט מען די פרייזן, אז מ'פארשטייט נישט די שטיינער קען מען נישט פארשטיין די פרייזן, דו וועסט קיינמאל נישט ארויסהאבן די זאך טאמער די וועסט נישט ארויסהאבן די שטיינער.

זאגט איהם די רבי, הער דיך גוט איין וואס דו זאגסט, צו שאצן א זאך דארף מען פארשטיין אין דעם, "דו פארשטייסט אין אידישע נשמות?", איז אויב אזוי שעץ מיר נישט, און זאג מיר נישט אז איך בין מקרב יא שוואך צו נישט שוואך.

### די נעמען פון די אידן אויף די שטיינער פון די 'חושן'

און מיר טרעפן טאקע אז במדה מסוימת זענען די נעמען פון די אידן געוועהן ארויף געשריבן די שבטים אויף די 'בריליאנטן' שטיינער פון די 'חושן', דאס איז געוועהן כדי מ'זאל דערהערן און כאפן אזוי ווי אין בריליאנטן ווייסט מען נישט צו שעצן, דאס זעלביגע אויך "אידן ווייסטו אויך נישט צו שעצן!", דו האסט נישט קיין מושג וואס איז חשובער, וואס איז ווייניגער חשוב, מ'דארף זיין א מבין אין דעם,

### נמשלו לכוכבים

און מיר טרעפן אויך אז וועגן דעם זענען אידן נמשלו לכוכבים, זעהן זעהט מען א

קליין כוכב, און די כוכב קען זיין כ'ווייס נישט וויפיל גרעסער ווי די וועלט, די גרעסטע אוסטראנאמישע נומער ווי מ'רופט דאס, און ס'איז אסאך גרעסער, און מ'זעהט איהם א קליין כוכב.

און די הויפט פינטל אין דעם שעצן א אידן, איז דא א טיפע נקודה, וואס דארטן רעדט די יצר הרע יא אין די מענטש, דעם מענטש קענסטו שעצן, וואס דאס איז זיך אליין! אסאך מאל די מענטש פארשטייט שוין, טאקע אז שעצן סתם אידן קען מען נישט, מיר זענען נישט קיין מבינים אויף אידן, אבער אויף זיך בין איך שוין יא א מבין, און איך ווייס דאך יא וויפיל איך בין ווערד, און די יצר הרע רעדט אין די מענטשן, 'דו ביזסט גארנישט ווערד', דארף מען געדענקען, אז שעצן זיך אליין, דאס הייסט אויכעט געשעצט א איד, "טאר מען נישט אינטער שעצן", 'ווייל דו ווייסט נישט ווי אזוי צו שעצן א איד'.

### 'מאמינים בני מאמינים'

א מענטש דארף וויסן אז אין איהם ליגט א מורא'דיגע איד וואס ער אליין קען דאס נישט שעצן, איז זאלסטו זאגן אויף זיך והן לא יאמינו לי, ווייל די אייבישטער אליין שטייט און זאגט אויף דיר אליין, אז דו ביזסט 'מאמינים בני מאמינים', און אין דיר ליגט זייער א חשובע איד, דו ווייסט דאס נישט, שטעל זיך אוועק אויפן פלאץ, און דו זאלסט געדענקען, אזוי ווי דו פארשטייסט אז דו קענסט נישט שעצן א צווייטע איד, זיך אליין קענסטו אויך נישט שעצן וואס פאר א גרויסע אוצר איז דא.

ס'נעמט נישט אראפ פון דעם חלק התשובה, פון יעדן מעשה טוב, טוהן ווייטער אלע מעשים, אלע מנהגים, אלע זאכן, אבער זאגן איך ווייס וויפיל איך בין ווערד, דאס טאר מען נישט זאגן, ווייל דו ווייסט דאס נישט, און דו וועסט דאס אויכעט קיינמאל נישט וויסן, אין זאך קענסטו וויסן, אז "דו ביזסט ווערד אסאך אסאך מער ווי דו אליין שעצט זיך", און דאס איז נישט קיין נקודת גאוה, ס'איז א נקודת 'אמת', אז איך האב אמונה טיף, א מורא'דיגע אמונה, און א מורא'דיגע קשר צום אייבישטן, דאס איז א 'מציאות', דאס רופט זיך 'מציאות איד', און מ'טאר נישט אנטלויפן פון דעם, און אויף דעם פלאץ לייגט די יצר הרע אסאך אסאך כוחות, אונטער שעצן אידן, טאמער די מענטש האט שוין אפגעלאזט כלל ישראל, ער שעצט שוין נישט, ער ווייסט שוין נישט ווי צו שעצן, אבער אויף זיך האט ער נאך מבינות, דאס איז א גרויסע פסול.

### 'יעדער איד איז חשוב'

מ'דארף אלעמאל וויסן, 'יעדע איד איז חשוב', און איינער פון די יעדע אידן וואס זענען חשוב איז ער אליין, דעמאלס וועט ער אנדערש צוגיין צו א לערנען, אנדערש צוגיין צו א דאווענען, אנדערש צוגיין צו א תשובה טוהן, ער וועט אנדערש צוגיין צו א שובבים, יא! דער איד וואס איז דא אין איהם אזוי פיל גוטע זאכן, ער גייט פראווען דעם שובבים, ס'איז א נייע וועלט. די אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן לעבן אין די נקודה אז אונז זענען מאמינים בני מאמינים, און מ'זאל קיינמאל דאס נישט פארגעסן.

# ימי השובבי"ם

## ישראל ערבים זה לזה

### נקודה למחשבה

בסייעתא דשמיא, מיר שטיין שוין סמוך ונראה צו די 'ימי השובבי"ם', עס איז ידוע, אז די ימי השובבי"ם, איז א מתנה וואס מ'האט באקומען, נאך ימי תשובה. מ'וועט נישט אריינגיין אין די גאנצע מהלך, ווי אזוי דאס האט זיך געבויט, וואס איז דער מקור פון ימי השובבי"ם, וואס האט דאס מיט די פרשה וואס כלל ישראל גייט דארך די 'כור ההיתוך' פון מצרים ביז די קבלת התורה מיט'ן המשך.

מ'וועט נעמען נאר איין נקודה, וואס מ'וועט דאס פראבירן צו צונעמען, וואס ס'קוקט אויס אפשר ווי איין קלייניקייט אבער דאס איז א יסוד, א חוט השדרה פון די גאנצע נושא פון מצוות און פארקערט.

### חשיבות העבודה

ס'איז ידוע, אזוי ווי אין יעדע זאך אויף די וועלט - ווי מער א מענטש ווייסט די חשיבות פון די זאך, לויט דעם טוט ער אין די זאך. וואס מער ער ווייסט די תוצאות פון די זאך, טוט ער מער אין די זאך. אזוי גייט אין עולם הרווחים, אין עולם הזה - א מענטש זייעט אהן, ער פארשטייט א סארט ביזנעס. ער האט ארויס די ביזנעס, ער פארשטייט ווי אזוי אין מען משקיע, ער פארשטייט וואס פאר א רווחים מ'קען ארויסנעמען. לויט ווי ער פארשטייט - לייגט ער אריין מער כוחות, און ער ווערט צוגעבינדן צו דעם.

להבדיל, אין רוחניות, ווי מער אונז וואלטן געוואוסט דעם ווערד פון א מצווה, ווי ווייט דאס דערגרייכט. און ח"ו וואס טוט זיך ווען מ'טוט פארקערט - וואלטן אונז אנדערש אויסגעקוקט.

### די 'אחריות' פון א עבירה

מ'וועט אנרירן א נקודה וואס דאס הייסט 'אחריות'. ווען א מענטש טוט ח"ו א עבירה, צו ס'איז א אחריות ער טראגט ווי גרויס די אחריות איז. און וואס דאס קען צוברענגען.

איז דא א יסוד פון "שפת אמת", א באוואוסטער יסוד וואס ער בויעט דא: אז ס'איז דא אזא זאך, אזוי ווי אונז זאגן אין די ברייתא פון "ר' ישמעאל' יעדן אינדערפרי, אז די י"ג מידות שהתורה נדרשת בהם "מכלל ופרט, ופרט וכלל". אז ס'איז דא אזא זאך: א מענטש מאכט די פרט, עפעס א זאך וואס איז משפיע אויף'ן גאנצע כלל.

ס'איז דא אזא זאך, איין מענטש פון דעם גאנצן כלל מאכט א זאך, און ס'איז משפיע אויף'ן פרט. לגבי וואס רעדט ער דאס? ס'איז ידוע, ס'איז דא א יסוד "צדיק יסוד עולם" - א צדיק איז משפיע, דארך א צדיק קומט די כוחות פאר יעדן איד. אזוי ווי די גמרא זאגט: "כל העולם ניזון בשביל חנינא בני", דארך חנינא בני ווערט א שביל וואס די גאנצע וועלט באקומט מזון. יעדער צדיק, ער מוז נישט וויסן ווער זענען די מענטשן וואס באקומען זיין שפע. און די מענטשן מוזן נישט וויסן ווער איז דער צדיק וואס ער ברענגט אראפ

פאר זיי די שפע - אבער דאס איז דרך העולם.

### די גילוי פון 'שפת אמת'

זאגט דער הייליגער 'שפת אמת' אז ווען ח"ו א צדיק טוט א זאך וואס איז נישט תורה'דיג, איז דאס משפיע אויף די וועלכע זענען אנגעהאנגען אין עהם, זיי האבן אויכעט א ירידה, סיי ער ווייסט ווער זיי זענען, סיי ער ווייסט נישט.

און אויכעט פארקערט - ווען דער פרט, אמאל דער איש פון דעם ציבור טוט א עבירה, שטערט דאס פאר די צדיק די עבודת השם. ווייל היות ער קומט פון דעם שורש פון דעם צדיק, ער באקומט דעם שפע דארך דעם כוח פון די צדיק - שטערט דאס פאר זיין צדיק, פאר זיין רעבן די עבודת השם.

### די דריי סארטן טרעפלאך

קומט אויס, אז אונז האבן דא סארטן טרעפלאך, ווען א מענטש טוט אן עבירה ח"ו, סיי ער שטערט פאר דער וואס פון עהם קומט צו עהם די שפע, סיי ער שטערט פאר די מענטש וואס באקומען דארך עהם א שפע. ער ווייסט דאך נישט וואס פארא אידן זענען אנגעהאנגען אין עהם וואס באקומען א שפע דארך זיינע מצוות און מעשים טובים - איז דאס א מוירעדיגע אחריות!

און טאמער מ'וועט גיין נאך א טרעפל, א דריטע טרעפל - ער איז משפיע אויפ'ן גאנצן דור! ווייל "כל ישראל ערבים זה לזה", איינער איז אנגעהאנגען אויפ'ן צווייטן. איז "עשה מצווה אחת, הכריע את כל העולם לכף זכות", די גמרא זאגט אז א מענטש דארף אלעמאל זעהן אז ס'ליגט אין זיין האנט די גאנצע וועלט. דאס זענען די ערשטע דריי סארטן טרעפלאך: דאס מיינט א] וואס ער שטערט פאר די צדיק וואס פון עהם קומט צו עהם א שפע, ב] ער שטערט פאר די וואס זענען פון די מושפעים פון עהם, ג] און בכלל דער גאנצער דור.

### נאך א פערדע טרעפל

אבער, ס'איז דא נאך א פערדע זאך: וואס ער איז זיך אליין מזיק ווען ער טוט א עבירה. און דאס וועט ער די לעצטע זאך טראכטן, פארוואס? ווייל, ווער בין איך?! איך האב דאך געטועהן ח"ו די עבירה, איז קוקט ער זיך אראפ, ווער בין איך?! ווען ער וואלט געוואוסט זיין אמת'ע ערך, וואס ער איז ווערד - אין ערוך! וואלט ער געשפירט אז ער האט דאך פשוט מכשיל געווען אזא חשוב'ער איד, וואס דאס איז דו אליין, אזא חשוב'ע נשמה, וואס דו אליין ווייסט נישט וויפיל דער שעצונג פון דיין אייגענע נשמה איז - דאס איז פון צד פון די עבירה. א מענטש האט ח"ו געטועהן א עבירה.

### די נקודה פון 'ערבות'

אבער, אונז דארפן טראכטן אז ס'איז פארהאן דא אסאך א טיפערע זאך, וואס אין די וועלט רעדט מען נישט פון די נקודה. אלעמאל רעדט מען אין די וועלט פון די נקודה פון 'ערבות': פארוואס חתמ'ט מען א ערבות? אז יענער וועט נישט קענען באצאלן - וועל איך דאס צאלן. מ'קוקט אן די נקודה פון א 'ערבות' אלץ א נקודה שלילית, אדער אז די מושג פון ערבות איז געמאכט געווארן אויף פראבלעמען.

און די זעלבע זאך "כל ישראל ערבים זה לזה", אז יענער האט געטועהן א חטא, איז ח"ו כלל ישראל באצאלט אויף דעם. אבער באמת לאמיתו של תורה, וועט מען זעהן אז אין 'ערבות' ליגט אסאך א טיפערע זאך.

איך וועל ארויסברענגען אפאר טרעפלעך צו קענען פארשטיין ווי ווייט ערבות גייט: אונז ווייסן ס'איז דא א דין אין 'חושן משפט': א איד איז מזיק א צווייטן, א איד האט געגנב'עט פון א צווייטן,

אזוי איז דא אסאך אופנים פון ממונות, וואס מ'איז מוציא ממונות בבית דין, אבער ס'איז דא א דין אז 'גרמא בנזקין' איז פטור מדיני אדם וחייב מדיני שמים. וואס הייסט דאס פטור מדיני אדם וחייב מדיני שמים? אז מדיני אדם, דא אין בית דין קען מען דאס נישט ארויסנעמען. אבער ער בלייבט מחוייב צובאצאלן ווען ער וועט ארויפקומען אויבן אין עלמא דקשוט, ווי רש"י זאגט, ער איז דאס מחוייב מדין "מצוות עשה". אזוי ווי ס'איז דא א מצוות עשה צו שאקלען לולב, ער איז מחויב דאס אפצוגעבן, אבער מוציא זיין אין בית דין - קען מען נישט מוציא ממון זיין, איז בדיני שמים, ווען ער וועט ארויף קומען אויבן וועט מען עהם פרעגן: 'ביסט דאך געווען מחויב צו באצאלן, דו ביסט דאך געווען דעם "גרמא דנזקא"' - דאס איז גרמא.

### גרמא, און גרמי

יעצט ווייסן אונז אז ס'איז דא נאך א טרעפל אין ש"ס, ס'רופט זיך "גרמי" - 'גרמי' דאס איז מען יא מחוייב צו באצאלן, )ביי כמעט אלע ראשונים איז דאס א דין דרבנן(. 'גרמי' איז אזא סארט אופן אז ס'איז זיכער אז ס'וועט זיין דער היזק, ס'איז דא אפאר סארטן אופנים. ממילא 'גרמא' מיט 'גרמי' קוקן אויס די זעלבע. און חז"ל האבן דאס צוטיילט אז ווען דאס איז ודאי, דער היזק איז זיכער, אדער ס'קומט זיכער דארך דיר, ס'האט כללים - איז מען חייב צו באצאלן די 'גרמי' (נאר לויט דעם רמב"ן קען זיין אז 'גרמי' איז דאורייתא) אבער אונז נעמען אן אז דיני דגרמי וואס מ'איז יא מוציא ממון אין בית דין איז מדרבנן. אבער פארשטייט זיך אז די 'גרמי' איז אויכעט חייב בדיני שמים, דאס איז פשוט.

### וואס הייסט 'ערבות'

איז טאמער אונז וועל פארשטיין וואס הייסט 'ערבות' - דאס הייסט, אז א מענטש וויל עפענען א ביזנעס, ער וויל אויפשטעלן אפאר ריזיגע בניינים אין די ווערד פון צוואנציג מיליון דולר. ער דארף משקיע זיין אין דעם 2 מיליון דולר, ער גייט און וויל דאס בארגן פון איינעם, און אז מ'געבט עהם ערבות פארבארגט מען עהם. אמאל איז דאס די באנק, יעדער איינער לפי די ערבות.

מ'זעהט וויפיל מיליונ'ען און מיליארד'ן דולאר'ן מאכן יעדן טאג מענטשן מכח די ערבות. ערבות איז נישט נאר דער טייטש אז מ'גייט אנזעצן, דערלייגן. פון ערבות קומט ארויס אלע רווחים שבעולם. יעדער נארמאלע גיזעצטע ביזנעס האט א ערבות פון א בנק, און דארך דעם מאכט ער די מליון'ען.

ממילא, אז דו וועסט געבן פאר א מענטש א ערבות, און וועגן די ערבות וועט ער ארויסנעמען א מיליון דאלער, און מיט דעם געבויט א בנין און ער האט געמאכט 5 מיליון דאלער רווחים. און ער וועט צוריק קומען צו דיר און זאגן: 'היות איך האב געמאכט אסאך געלט דארך דיר, געב איך דיר 10 טויזנט דאלער' -וועט דאס זיין זייער סברה'דיג און זייער נארמאל. פארוואס? ווייל נאך אלעס, ווען נישט דיין חתימה, האט ער נישט די אלע ביזנעס. דאס וואס ער האט דא געטועהן מיט זיין ערבות וועט מען אנקוקן, אפילו בצורה

של גרמא, אבער 'גרמי' , וועט מען דען דא אויכעט זאגן אז מדיני שמים האט ער דא גארנישט נישט געטוהן?

אבער באמת, ווייסן מיר דאך אז ערבות איז דאורייתא און מען דארף מען באצאלן ערבות מדיני דאורייתא. "אנוכי ארערבנו", ווייל אז ערב איז זיך מתחייב איז דאס מדאורייתא. קומט אויס אז ס'איז נישט קיין 'גרמא' און א 'גרמי', ער איז טאקע נישט קיין שותף אין די ביזנעס, אבער ער איז א חלק, ווייל אן עם וואלט מען נישט געקענט זיין די ביזנעס.

### *מרובה מדה טובה*

איז לאמיר צוריק גיין צו אונז לגבי מצוות, "ישראל ערבים זה לזה", דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א תורה מכח אז איינער איז ערב פארן צווייטן. קומט אויס אז דעם צווייטן'ס מצוות, די אלע גוטע זאכן וואס אידן טועהן - קומט אויכעט פון א כוח פון "ערבים זה לזה". ערבות איז אויך א לשון פון זיסקייט, ערבות, ער מאכט זיס יענעם.

דער אמת, אונז שטויסן זיך אן אין די מצווה פון "ערבים זה לזה", אז מ'צאלט ערבות איינער פאר'ן צווייטן. אבער באמת "ישראל ערבים זה לזה" איז דער טייטש אז יעדע איינער פון כלל ישראל האט די כח איינעם פונעם צווייטן, און זיין כח קומט פון די ערבות מיטן צווייטן.

### *להכריע את כל העולם*

היוצא מזה, טאמער מ'וועט אנהייבן מתבונן זיין יעצט פאר שובבי"ם - מ'רעדט פון תשובה טועהן. אזוי ווי מ'האט פארשטאנען אז ביי עבירות איז דא א דין פון "ישראל ערבים זה לזה", "עשה עבירה אחת הכריע את כל העולם לכף חוב" ח"ו. דארף מען נעמען דער "עשה מצווה אחת". וויפיל טוט דאס אויף אז דער ערב שטעלט זיך צו אין זיינע ערבות, און ער גייט און טוט תשובה. אזא שובבי"ם, ער נעמט זיך אינטער, ער כאפט זיך - קוק וואס איך קען אויפטועהן טאמער איך האב ערבות אויף יענעם'ס עבירות.

די גאנצע ביזנעס וואס רופט זיך 'כלל ישראל', די גאנצע קבלת התורה פון דעם כלל ישראל, די גאנצע תורה פון כלל ישראל - קומט אז איינער איז ערב פארן צווייטן. וויפיל רווחים קומט ארויס פון יעדע מצווה וואס א איד שטעלט צו אין דעם ערבות, אז עס זאל יא קלאפן די גאנצע זאך! אז עס זאל יא ארבייטן.

קוקן דעם צד החיובי איז למסקנה, מצד אחד קען מען צוגיין ריכטיג צו די 4 סארטן טרעפלער, ווי דער "שפת אמת", מיט די גאנצע סדר - אז ווען א איד טוט א עבירה, שטערט דאס פאר די צדיק וואס פון עהם באקומט ער דעם שפע, ס'שטערט פאר די מענטש אליין, ס'שטערט פארן גאנצן דור. ס'שטערט אז ס'דענידערט די מענטשן וואס זענען אנגעהאנגן אין זיין שפע.

אבער לאמיר קוקן דער צד החיובי, דער צד פון די גוטס - איז וויפיל איז ווערד יעדע מצווה, וויפיל איז ווערד אונזערע תשובה טועהן. אז מ'וועט זיך אוועקשטעלן דעם שובבי"ם און געבן א טוה תשובה! וויפיל ערבות ווערט גערעקט! אז אנדערע זאל נישט דארפן באצאלן. מען דארף אנערקענען וויפיל מצוות, וואס פאר א זכיה אונז האבן, אז אונז האבן א ערבות איינער פארן צווייטן. נישט נאר מיט די גיין אין גלות מצד ערבות, און יסורים מצד ערבות. נאר זיסע זאכן, אז א איד זאל זיך פרייען אז ער איז א ערב אויפן צווייטן'ס תורה! און דארך דעם וואקסן מענטשן אין תורה אין יראת שמים. און די ביזנעס טאפלט זיך מיט מיליונ'ען! מכח דעם וואס דער אויבערשטער באגלייט יעדער איד ווייל דער צווייטער איד שטייט און העלפט עהם אינטער, און געבט עהם א כוח צו קענען באמת מקבל זיין די תורה, און זיך צוריק מתחזק זיין אין די תורה.

און דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן באמת אויספירן אונזערע ערבות ווי ס'דארף צו זיין. און אנערקענען די חשיבות פון "כל ישראל ערבים זה לזה". און באמת דעם שובבי"ם זיך דערהייבען און זוכה זיין צו באמת מתקרב זיין צום באשעפער. און לעבן אין די נקודה פון אלעמאל געדענקען מחשיב זיין די ערבות פון "כל ישראל ערבים זה לזה".


## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל: 052-713-5944**

## א פרייליכע מעלדונג

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**